בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

חנוכה תשע"ז

## א באשרייבונג אויף דעם זמר מעוז צור ישועתי

מאת יהודה זבולון הלוי קליטניק

דער בעל מחבר פון דעם פיוט איז ר' מרדכי פון דייטשלאנד די ר"ת איז מרדכי חז"ק אנדערע זאגן ער איז אויך דער מחבר פון זמר מה יפית פון ליל שב"ק. ער האט געלעבט אין די צייטן פון די מסע הצלב ווי ער דערמאנט "אדמון" וואס דאס איז דער קעניג פון דייטשלאנד פרידריך ברברוסה, וואס איז געווען א רויטער, אין יאר 1125, ער איז געווען א שונא ישראל, און "צלמון" איז אויך מרומז אויף מסע הצלב ווען דער קעניג האט געוואלט קומען אויף ארץ ישראל אבער פאר דעם האט ער געכאפט זיין מפלה.

### פארוואס חנוכה

ווי מען זעט אז אין דעם זמר ווערט דערמאנט גלות און יציאת מצרים און גלות בבל און נס פורים איז פארוואס זינגט מען דאס אין חנוכה? אנדערע ענטפערן ווייל פסח דערמאנט מען שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקב"ה מצילנו מידם, און אין פורים זאגט מען נאך די מגילה הרב את ריבינו וכו' בא"י הקל המושיע, דעריבער זאגט מען אין חנוכה דעם לויב פון הצלה.

אנדערע ענטפערן וויבאלד דער ערשטן חרוז הויבט זיך אן מיט נס חנוכה איז א סימן אז דער זמר איז געשטעלט בעיקר וועגן נס חנוכה. אינטרעסאנט צו באמערקן אז דער ערשטער חרוז רעדט וועגן די בקשה אויף להבא אז דער אויבערשטער זאל אראפשיקן דעם בית המקדש השלישי, תכון בית תפלתי: וואס דאס שטרעבן מיר כסדר, דעריבער איז דער ערשטע חרוז וואס דערמאנט חנוכת המזבח וואס האט א שייכות צו חנוכה, דעריבער זאגט מען דאס אין חנוכה, די אנדערע חרוזים איז א הודאה על העבר, ביז די לעצטע חרוז וואס דאס איז אויך א בקשה, וקרב קץ הישועה און הקם לנו רועה שבעה, מיט ביאת משיחינו בב"א. עס איז דא נאך א חרוז וואס די גויים האבן ארויסגענומען: די מקור פון דעם חרוז איז אין ספר מקור חיים, להגאון ר' חיים יאיר בכרך בעל חות יאיר וואס ברענגט דאס אין הל' חנוכה בשם מהרמ"א?

### בית המקדש השלישי

מָעוֹז צוּר: דער שטארקער פעלזנשטיין (דער אויבערשטער) יְשׁוּעָתִי: איז מיין העלפער, לְךָ נָאֶה לְשַׁבֵּחַ: דיר איז פאסיג צו לויבן, תִּכּוֹן בֵּית תְּפִלָּתִי: (מיר בעטן) גרייט אן מיין געבעט הויז [בית המקדש] וְשָׁם תּוֹדָה נְזַבֵּחַ: און דארטן וועלן מיר שחטן דעם קרבן תודה לְעֵת תָּכִין מַטְבֵּחַ: אין די צייט ווען דו וועסט זיך צוגרייטן צו שחטן מִצָּר דעם דרוקעניש הַמְנַבֵּחַ: וואס בילט אויף די אידן אָז אֶגְמֹר: דאן וועל איך ענדיגן בְּשִׁיר מִזְמוֹר: מיט א געזאנג פון מזמור חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ: אויף דעם באנייאונג פון מזבח.

### גלות מצרים

רָעוֹת שָׂבְעָה נַפְשִׁי: מיט שלעכטס האט זיך אנגעזעטיגט מיין נשמה בְּיָגוֹן: מיט קלאג האט זיך כֹּחִי כָּלָה: מיינע כוחות פארענדיגט חַיַּי: מיין לעבן מֵרְרוּ בְקֹשִׁי: האבן זיי פארביטערט מיט שווערע ארבעט בְּשִׁעְבּוּד: מיטן זיין אונטערטעניג מַלְכוּת עֶגְלָה, צו די קעניגרייך פון מצרים וּבְיָדוֹ הַגְּדוֹלָה: און מיט זיין גרויסע האנט הוֹצִיא: האט ער ארויסגעפירט אֶת הַסְּגֻלָּה: די געליבטע פאלק חֵיל פַּרְעֹה: די מיליטער פון פרעה וְכָל זַרְעוֹ: און אלע זיינע קינדער יָרְדוּ: זענען אראפ כְּאֶבֶן מְצוּלָה: ווי א שטיין אין טיפעניש פון די וואסער.

### גלות בבל

דְּבִיר קָדְשׁוֹ: און צו זיין הייליגן וואוינונג הֱבִיאַנִי: האט ער מיר געברענגט וְגַם שָׁם לֹא שָׁקַטְתִּי: און אויך דארט האב איך נישט געהאט א רוה וּבָא נוֹגֵשׂ: און עס איז געקומען דער באצווינגער וְהִגְלַנִי: און ער האט מיר פארטריבן כִּי זָרִים עָבַדְתִּי: ווייל פרעמדע אפגעטער האב איך געדינט וְיֵין רַעַל: און פארסמ'טע וויין מָסַכְתִּי: האט ער מיר אנגעגאסן כִּמְעַט שֶׁעָבַרְתִּי: איך בין כמעט פאריבער קֵץ בָּבֶל: דאס ענדע פון בבל זְרֻבָּבֶל: איז געקומען זרבבל לְקֵץ שִׁבְעִים: נאך 70 יאר נוֹשַׁעְתִּי: בין איך געהאלפן געווארן.

### גלות מדי ופרס, ונס פורים

כְּרֹת: צושניידן קוֹמַת בְּרוֹשׁ: די הויכקייט פון מרדכי הצדיק בִּקֵּשׁ: האט געוואלט אֲגָגִי בֶּן הַמְּדָתָא: אגגי דער זון פון המדתא וְנִהְיְתָה לּוֹ: און דאס איז געווארן פאר אים לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ: א נץ און א שטרויכלונג וְגַאֲוָתוֹ נִשְׁבָּתָה: און זיין שטאלץ איז צושטערט געווארן רֹאשׁ יְמִינִי: די קאפ פון מרדכי הצדיק נִשֵּׂאתָ: האסטו אויפגעהויבן וְאוֹיֵב: און דעם פיינט שְׁמוֹ מָחִיתָ: זיין נאמען האסטו אויסגעמעקט רֹב: זיינע פילע בָּנָיו: קינדער וְקִנְיָנָיו: און געקויפטע עַל הָעֵץ תָּלִיתָ: האסטו אויפגעהאנגען אויפן בוים.

### גלות יון ונס חנוכה

יְוָנִים נִקְבְּצוּ עָלַי: די יוונים האבן זיך איינגעזאמלט אויף מיר אֲזַי בִּימֵי חַשְׁמַנִּים: אין די צייט פון די חשמונאים וּפָרְצוּ: און זיי האבן איינגעבראכן חוֹמוֹת מִגְדָּלַי: די מויערן פון מיין טורעם וְטִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים: און זיי האבן מטמא געווען אלע אויל וּמִנּוֹתַר: און פון די איבערגעבליבענע קַנְקַנִּים: פון די קריגלאך נַעֲשָׂה נֵס: איז געטאן געווארן א נס לַשּׁוֹשַׁנִּים: צו די אידן וואס ווערן אנגערופן שושנים בְּנֵי בִינָה: די חכמים וואס פארשטייען יְמֵי שְׁמוֹנָה: אכט טעג קָבְעוּ: האבן זיי באשטימט שִׁיר וּרְנָנִים: צו זינגען און צו לויבן דעם אויבערשטן.

### גלות אדום און בקשת הגאולה

חֲשׂוֹף זְרוֹעַ קָדְשֶׁךָ: אנטפלעק דיין הייליגן ארעם וְקָרֵב קֵץ הַיְשׁוּעָה: און דערנענטער די צייט פון די ישועה נְקֹם נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ: נעם נקמה אויף די בלוט פון דיינע קנעכט מֵאֻמָּה הָרְשָׁעָה: פון די שלעכטע פאלק כִּי אָרְכָה לָנוּ הַיְשׁוּעָה: ווייל מירווארטן שוין לאנג אויף די ישועה וְאֵין קֵץ: און עס נעמט נישט קיין ענדע לִימֵי הָרָעָה: צו די שלעכטע טעג דְּחֵה אַדְמוֹן: שטופ אוועק מלכות אדום בְּצֵל צַלְמוֹן: אין די שאטן פון די גיהנום [צלמון] הָקֵם לָנוּ שטעל אויף פאר אונז רוֹעֶה שִׁבְעָה די זיבן רועים.

ווען משיח וועט קומען וועלן די זיבן רועים אברהם יצחק יעקב משה אהרן יוסף דוד משפט'ן די גוים, אין מיכה (ה' ד') שטייט אַשּׁוּר כִּי יָבוֹא בְאַרְצֵנוּ וְכִי יִדְרֹךְ בְּאַרְמְנוֹתֵינוּ וַהֲקֵמֹנוּ עָלָיו שִׁבְעָה רֹעִים זאגט די גמרא ווער זענען די זיבן זאגט די גמרא דוד המלך אינדערמיט, שת חנוך מתושלח פון די רעכטע זייט און אברהם יעקב משה פון די לינקע זייט.

### דאס איז די חרוז וואס די גויים האבן ארויסגענומען

מעולם היית ישעי, כבודי ומרים ראשי, שמע נא לקול שועי, מלכי ואלהי קדשי, העבר חטאי ופשעי, וגם גלות הרביעי, חזק ישראל ותכניע ישמעאל, ומאדם תפדה נפשי.

## דרוש לחנוכה

מאי חנוכה, דתנו רבנן: בכ"ה בכסליו יומי דחנוכה תמניא אינון, דלא למספד בהון ודלא להתענות בהון שכשנכנסו יוונים להיכל, טימאו כל השמנים שבהיכל. וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום, בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהיה מונח בחותמו של כהן גדול ולא היה בו אלא להדליק יום אחד. נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים. לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה". (שבת כא ע"ב) פרעגן אלע וואס איז די כוונה פון די קשיא מאי חנוכה? נאר מען קען זאגן אז די גמרא פירט אויס "ועשאום ימים טובים בהלל והודאה" קען מען מדייק זיין אז די גמ' קומט מחדש זיין אז דער יום טוב חנוכה איז נאר הלל והודאה. און מען זעט טאקע אז עס איז דא א מחלוקת הראשונים צו מען איז מחוייב א סעודה. ממילא וויבאלד עס איז א יו"ט נאר פאר הלל והודאה איז דאך א ראיה אז חנוכה איז מותר במלאכה.

יעצט די נס חנוכה איז געווען "ונצחום", מיינט אז די מלחמה האט זיך געענדיגט, אויב אזוי וואלט געפאסט צו רופן דעם יו"ט נחו כה אזוי ווי עס שטייט אין די מגילה "ונח בארבעה עשר" און "כימים אשר "נחו" בהם". וואס דארטן איז געווען די ענדע פון א מלחמה, דאס איז די קשיא "מאי חנוכה" און נישט נחו– כ"ה?? ענטפערט די גמ' אז עס איז נאר א יו"ט להלל והודאה און מלאכה איז מותר און אויב מען וואלט דאס גערופן נחו כ"ה וואלט מען געזאגט עס איז ווי אלע ימים טובים וואס זענען אסור במלאכה. (בן יהוידע –בן איש חי)

און באמת ביי פורים שטייט אין גמ' (מגילה ו') און לפי שיטת הרמ"א (סי' תרצ"ו) להלכה אז פורים איז אסור במלאכה, און לכולי עלמא איז נישטא א סימן ברכה אין די מלאכה, און דאס קען זיין ווייל עס שטייט אין די מגילה דעם לשון פון "נח". ואולי קען מען זאגן אז אין חנוכה איז דא שיטות אז מען זאל נישט טאן מלאכה בשעת ההדלקה, קען זיין ווייל עס איז געווען א הוה אמינא אז מען זאל רופן דעם יו"ט נחו כה, וואס וואלט געמיינט א יו"ט און אסור במלאכה, האט מען כאטש מתקן געווען א איסור מלאכה בעת די הדלקה. (שמח זבולון)

### שיינע פלפול און דרוש לכבוד חנוכה

עס איז דא די באקאנטע מדרש הדודאים נתנו ריח, דאס גייט ארויף אויף ראובן, וואס ער האט געראטעוועט יוסף, ועל פתחינו כל מגדים, דאס איז נר חנוכה וואס מען לייגט דאס ביים טיר. א מדרש פליאה!

די גמרא (שבת כ"א:) ברענגט אמר רב נתן בר מניומי משמיה דר' תנחום נר חנוכה שהניחה למעלה מעשרים אמה פסולה כסוכה וכמבוי, און נאך דעם זאגט ער מאי דכתיב (בראשית ל"ז כ"ד) והבור ריק אין בו מים, מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו. אויך איז שווער די סמיכות המאמרים! נאר די גמרא זאגט אין מסכת קידושין (דף ל"ט:) שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, פרעגט דער הייליגער מהרש"א מען זעט גענוג מאל אין די הייליגע תורה שכר אויף די וועלט? און ענטפערט וז"ל דמודה בזכות הרבים ומעשיהם הטובים מביאים להם כל הברכות וכו' עכ"ל. דאס מיינט ווען עס איז דא א הצלה לרבים איז דא שכר בהאי עלמא, בזכות זייערע מעשים טובים. לויט דעם זאגט דער עצי חיים (חנוכה) נס חנוכה איז געווען בזכות הצלת הרבים וועגן דעם האבן די אידן באקומען דעם נס. דאס זאגן מיר: כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל , איז דאס געווען הצלת רבים, דעריבער "עמדת להם בעת צרתם" און "ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיו"ם הז"ה", מיינט שכר בעולם הזה. וועגן דעם לייגט מען נר חנוכה בחוץ צו ווייזן פרסומי ניסא לרבים אז די נס פון חנוכה איז געווען בזכות הצלת הרבים.

יעצט שטייט (בראשית ל"ז כ"א) וישמע ראובן ויצילהו מידם, לכאורה וואס איז א הצלה אריינווארפן יוסף אין א בור פון נחשים ועקרבים? און אויב ראובן האט געטראכט אז יוסף איז א צדיק און ער וועט ניצל ווערן בזכותו, אבער שכר מצוה בהאי עלמא ליכא! נאר מען קען זאגן אז ראובן האט געזען ברוח קדשו אז יוסף וועט שפייזן די רבים איז דאס בזכות הצלת רבים ויש שכר בהאי עלמא. און ער וועט ניצל ווערן. מיט דעם איז גוט דער מדרש: הדודאים נתנו ריח זה ראובן, וואס האט אריינגעווארפן יוסף אין א בור פון נחשים ועקרבים, ווייל ער האט זכות הרבים, דעריבער ועל פתחינו זה נר חנוכה דארף מען לייגן די נר חנוכה בחוץ ווייל דארטן איז די נס געשען בזכות הרבים.

מיט דעם קען מען מסביר זיין די סמיכות פון די צוויי ר' תנחום: נר חנוכה שהניח למעלה מעשרים אמה פסולה, פארוואס? דלא שלטא בה עינא, און נר חנוכה דארף זיין במקום פרסומי ניסא, ווייל די נס איז געווען בזכות רבים, און ווייל ביי זכות הצלת רבים איז דא שכר בהאי עלמא, ממילא האט ראובן געקענט אריינווארפן יוסף אין א בור פון נחשים ועקרבים, ווייל יוסף האט זכות הצלת רבים און דעמאלטס איז שכר מצוה בהאי עלמא. וועט ער ווערן געראטעוועט. (המו"ל עפ"י ספר ברך משה)

## *מדור העובדות-חנוכה*

## *דער הייליגער בעלזא מהר"י זצוק"ל מאכט א בעל תשובה ביי די חנוכה ליכט*

אין שנת תרפ"ח איז הרה"ק ר' אהרן בן הרה"ק ר' ישכר דוב מבעלזא זצוק"ל געפארן קיין ווין זיך צו היילן זיינע אויגן ביי א אויגן דאקטער, און איז דארטן געווען א לענגערע צייט. אין שטאט סעליש אין אונגארן האט געוואוינט א חסיד ר' פתחי' סעלישער, און ווען ער האט געהערט אז דער הייליגער בעלזא רב איז אין ווין, האט ער מחליט געווען אז ער גייט פארן צו אים, אבער א עני ואביון איז ער געווען, און קיין געלט האט ער נישט געהאט אפילו אויף צו דינגען א וואגן אדער פאהרן מיטן באן, ממילא איז ער געגאנגען צו פוס, און דא און דארט האט ער זיך מיטגעכאפט מיט א וואגן און אזוי איז ער קוים אנגעקומען קיין וויען.

ווען ער איז אנגעקומען האט ער געהערט אז דער רב ז"ל איז שוין ביים באן סטאנצי'. מיט די לעצטע כוחות איז ער געלאפן צום באן כדי צו געבן שלום פארן רב ז"ל. אבער ווען ער איז אנגעקומען האט דער באן שוין פארמאכט אירע טירן. ווען דער רב האט געזען ר' פתחי' לויפן פון דערווייטנס, האט דער רב ז"ל ארויס געשריגן פון באן צו א איד וואס איז געשטאנען לעבן באן, וואס ער איז געווען אנגעטאן ווי א מאדערנער סוחר, אז ער זאל מקרב זיין ר' פתחי' און אים צושטעלן אלעם וואס ער דארף, און דער סוחר האט צוריק געענטפערט "ער וועט אלעם טאן."

דער סוחר גייט צו ר' פתחי' און לאדענט אים ארויף צוקומען אין זיין וואגן

און בעט אים אז ער זאל צוקומען ביי אים אין שטוב און עפעס איבערבייסן און זיך אפרוהען פון זיין לאנגע וועג. ביים עסן כאפן זיי א שמועס און ר' פתחי' דערציילט ווי עס פעלט אים א פוס און מיט זיין פאלשע פוס פון האלץ איז אים זייער שווער צו גיין. דער סוחר זאגט אים נישט צו דאגה'ן ער וועט אים נעמען צו א דאקטאר וואס וועט אים צושטעלן א גרינגערע פוס.

דער סוחר האט זיך מטפל געווען מיט ר' פתחי' מיט גרויס מסירות נפש, נישט געקוקט אויף קיין געלט און צייט, ער האט נאר געוואלט אז ר' פתחי' זאל זיין צופרידן. ענדע האט מען ערליידיגט פאר ר' פתחי' אלעם לטוב. עס איז געקומען די צייט נאך א שיינע פאר חדשים און מען דארף זיך געזעגענען, פרעגט ר' פתחי': "ווי קומט דאס אז דו זאלסט זיין אזוי געטריי פאר מיר בשעת דו קענסט מיר נישט?" ענטפערט אים דער סוחר אז דער בעלזא רב האט מיר געבעטן מוז איך אים פאלגן. פרעגט אים ר' פתחי' פארוואס דארפסטו פאלגן? נעמט זיך דער סוחר דערציילן: מיין עלטער זיידע איז געווען א גרויסער עושר אבער א גרויסער בעל עבירה ער האט נישט איבערגעלאזט קיין איין תאוות עולם הזה וואס ער האט נישט עובר געווען רח"ל. ער האט געהאט א שכן א בעלזא חסיד פון הייליגן רבין ר' יהושע זצוק"ל וואס האט געוואלט פארן צו זיין ביים רבין אויף הדלקת נר חנוכה און אויך זיך אנווארעמען מיט די הייליגע ניגונים און נהנה זיין פון דעם הייליגן טיש און דברי תורה פון צדיק.

דער חסיד קומט צו מיין עלטער זיידע און דערציילט אים ווי געשמאק דאס איז צו זיין ביי א רבין אין אזא צייט און די חיות און געשמאק און ער וואלט זיך מחיה געווען. מיין עלטער זיידע האט געזאגט אז די תאוה וואלט ער געוואלט אויך פארזוכן און האט מסכים געווען מיט צו פאהרן. דערוויל די גאנצע וועג מאכט מיין עלטער זיידע ליצנות פון רבי'ס, און ווען ער קומט אן קיין בעלזא, און זעט ווי אזוי דער רבי צינט די ליכט מיט א קאך הויבט ער אן צו לאכן און מאכן ליצנות. אזוי איז געווען ביי די זמירות אויך. נאכן צינדן בעט דער רבי רוהיגערהייט מיין עלטער זיידע על זאל קומען צו אים און נעמט אים אן ביים האנט און בעט אים ער זאל גיין מיט אים צוזאמען אויף א שפאנציר, און זאגט מען וועט נישט רעדן וועגן אידישקייט, און מיין עלטער זיידע האט מסכים געווען.

אינדרויסן גייט דער רבי מיט אים, און שמועסט וועגן סתם וועלטליכע ענינים און מיין עלטער זיידע האט הנאה פון די שמועס און צוביסלאך פילט מיין עלטער זיידע א התעוררות צו וועלן תשובה טאן און נאכן שפאנציר בעט אים דער רב אז ער זאל זיצן לעבן אים ביים טיש. אינמיטן טיש שרייט אויס מיין עלטער זיידע פארן רב "איך וויל תשובה טאן און איך האב חרטה אויף אלעם וואס איך האב געטאן און דער רבי זאל מיט געבן א תיקון! דער רבי האט געזאגט אז נאכן טיש וועט ער אים געבן א דרך אויף תשובה.

און אזוי איז מיין עלטער זיידע געווארן א בעל תשובה גמור און געשיקט זיינע קינדער לערנען תורה, און זיין שטוב איז געווארן א אידישע שטוב! און אזוי האט זיך געצויגן אז זיינע אייניקלאך זענען געווען יראי ה'. פירט אויס דער סוחר פאר ר' פתחי' אז אין זכות פון בעלזא רב בין איך א איד, האב איך הכרת הטוב צו זיין אייניקל, און וואס ער בעט פון מיר טוא איך דאס ערפילן. ר' פתחי' האט שטארק באדאנקט דעם סוחר און איז אהיים געפארן. זיי האבן געזען די גרויסקייט פון בעלזא רב, ווייל אסאך צדיקים האבן געקענט אויסוואשן נשמות ווען די נשמה איז ארויף ביינאכט, אבער ער האט אויסגעוואשן א נשמה פון א איד ווען די נשמה איז נאך געווען אין גוף פון מענטש

דער הייליגער בעלזא רב האט אויסגעוואשן א נשמה בהקיץ אויף די וועלט! מען זעט די גרויסקייט פון הכרת הטוב וואס מען דארף דאס שטענדיג געדענקען די טובה וואס מען האט געטאן פאר זיך אדער אפילו פאר די פריערדיגן דור. נאך א גרויסקייט איז געווען אז דער רבי האט אויסגעוואשן די נשמה פון א איד זייענדיג בהקיץ ביים טיש. דער הייליגער אפטא רב זיע"א טייטש ביי משה און קרח וואס משה רבינו האט געזאגט "בוקר ויודע את אשר לו" פארוואס האט משה געזאגט מען זאלווארטן ביז אינדערפרי? נאר משה רבינו איז דאך געווען צדיק הדור און א צדיק האט א כח אויס צו וואשן א נשמה ווען עס גייט ארויף ביינאכט, וועגן דעם האט משה געזאגט לאמיר ווארטן ביז אינדערפרי און דערוויל וועט קרח ועדתו גיין שלאפן, וועט משה רבינו אויס וואשן זייערע נשמות און עס וועט שוין נישט זיין קיין מחלוקת.

# דער גריידיצער צדיק זצוק"ל מיטן שיין פון די חנוכה ליכט היילט אויס א איד און איז אים מחזיר בתשובה

רבי אליהו גוטמאכער זצוק"ל האט מען גערופן דער גריידיצער צדיק ער האט געוואוינט אין דייטשלאנד אין געגענט פון פרייסן. ער איז געווען באוואוסט פאר א גרויסער פועל ישועות. ער האט מחבר געווען אסאך ספרים, צפנת פענח, פמליא של מעלה, און קן מפורשת. און ער זאגט צו אין די הקדמה פון זיין ספר קן מפורשת אויף מס' קנים, אז ווער עס וועט לערנען אין דעם ספר איז ער מבטיח פארן מענטש אלע ישועות! און טאקע איז דאס געווארן א סגולה און ישועה פאר אסאך מענטשן און וועגן דעם האט מען איבער געדרוקט דעם ספר קן מפורשת אין אסאך מהדורות און שפראכן וואס האבן די ציורים ווי צו פארשטיין די אלע קינים וואס ווערן אויס געמישט.

חנוכה טעג איז געווען באוואוסט אז ביים גריידיצער צדיק קען מען געהאלפן ווערן מער ווי אלע אנדערע טעג פון יאהר. ער פלעגט זאגן אז חנוכה איז ליכטיגער מען קען דעמאלטס זעהן בעסער! ר' משה איז געווען א גרויסער סוחר און א עושר וואס האט געוואוינט אין פוילין און געווען א חסיד פון איינער פון די פוילישע רבי'ס. ער האט חתונה געמאכט זיין טאכטער מיט א חשובער יונגערמאן וואס איז געזעצן און געלערנט און ר' משה האט איהם אויסגעהאלטן מיט קעסט. אלע האבן מקנא געווען ר' משה מיטן איידעם אבער דער איידעם האט אנגעהויבן קוקן אין ספרים פון די משכילים און צוביסלאך איז ער פארקראכן פון אידישקייט און עס איז געווארן א קריגעריי צווישן זיי ביז איין טאג איז דער איידעם פארשוואונדן געווארן, ר' משה האט געזוכט וואו נאר מעגלאך אבער גארנישט געטראפן, און זיין טאכטער איז געבליבן א עגונה.

ר' משה איז געווארן א צובראכענער איד און געגאנגען צו זיין רבין וואס האט אים געזאגט אז ער זעט ווי זיין איידעם געפינט זיך אין בערלין צווישן די משכילים און ער איז שוין ווייט פון אידישקייט. ר' משה האט געדאנקט זיין רבין און איז שנעל אהין געפארן און זיך נאך געפרעגט אויף זיין איידעם און האט אנגעהויבן אים צו זוכן אבער ער האט נישט מצליח געווען אים צו טרעפן. ר' משה, א צובראכענער איד, איז צוריק געקומען צו זיין רבין און אים דערציילט פון זיין נסיעה קיין בערלין אן א הצלחה. האט דער רבי געזאגט אז מיין כח קען נישט דערגרייכן קיין בערלין, דער איינציגסטער וואס קען דיר העלפן איז דער גריידיצער צדיק וואס וואוינט אין דייטשלאנד, פאר צו אים און וועסט האבן די ישועה! געווען איז דאס אין חודש כסלו איז ר' משה געפארן צום גריידיצער צדיק און ער האט איהם דערציילט וועגן זיין איידעם און אז זיין רבי האט אים געשיקט צו אים פאר א ישועה. האט דער צדיק זיך אנגערופן "וואס בין איך בעסער פון דיין רבין? איך קען אויך גארנישט טאן פאר דיר!"

זאגט ר' משה איך האב געהערט אז חנוכה איז גרויסע טעג פון ישועות, זאל איך בלייבן אויף חנוכה? האט דער גריידיצער צדיק געזאגט "אויב דו ווילסט בלייבן בלייב". ר' משה איז געבליבן, און ווען חנוכה איז אנגעקומען האט ר'

משה גענומען בעטן ביים גריידיצער צדיק ער זאל עפעס טאן פאר אים ווייל יעצט איז די צייט וואס מענטשן ווערן געהאלפן! אבער דער גריידיצער צדיק האט אים גארנישט געענטפערט. עס איז אריבער די ערשטע פאר נעכט פון חנוכה און ר' משה איז געווען ביים צינדן פון דעם גריידיצער צדיק און האט געזען די גרויסע עבודה פון צדיק, אויך מענטשן זענען כסדר געקומען בעטן ישועות און דער צדיק ענטפערט יעדן, אבער פאר ר' משה איז נישט געווען קיין ענטפער. ר' משה האט מחליט געווען ער גייט טאן א ווילדע שטיק וואס דאס וועט אים שאפן די ישועה. די נאכט פון די פינפטע ליכט איז ר' משה אריין צום הויז פון

צדיק און צוגענומען די הייליגער מנורה און דאס באהאלטן און נאכדעם צוריק געקומען ווען דער צדיק דארף צינדן די מנורה. עס ווערט באלד א טומל דער צדיק קומט אריין מיט א התלהבות און וויל אנגרייטן די מנורה און ער טרעפט דאס נישט, דער צדיק קאכט זיך און די גבאים ווערן אויסער זיך אבער די מנורה איז נישטא! ר' משה האט יעצט צוגעגאנגען מיט שטאלץ צום צדיק און געזאגט איך האב צוגענומען די מנורה אבער איך האב ח"ו נישט געמיינט קיין שלעכט'ס נאר איך האב נישט קיין ברירה כאטש דאס איז א חוצפה און א עוולה אבער פאר מיר איז דאס פיקוח נפש! האט זיך דער צדיק אנגערופן איך פארשטיי דיר אבער דו פארלאנגסט א שווערע זאך. אבער איך זע אז איך קען זיך נישט ארויסדרייען פון דיר, איז ברענג שוין אריין די מנורה און איך וועל זען דיר צו העלפן! ר' משה איז שנעל געלאפן און געברענגט די מנורה. ער האט יעצט געשפירט ווי ער איז א געהאלפענער.

די נאכט האט מען געזען ווי דער צדיק איז מאריך ביים צינדן און אזוי ווי ער איז נישט געווען אויף די וועלט. זיין הייליגע צורה איז געווארן ערנסט און געפלאמט. מען האט געזען אז דער צדיק פראוועט עפעס העכערס, ווען פלוצלונג דערוועקט זיך דער צדיק און זאגט פאר ר' משה "פאר מארגן קיין בערלין און וועסט טרעפן דיין איידעם וואס וועט דיר שוין אויפנעמען און ער וועט גאר זיין צופרידן דיר צו זען! ר' משה איז געווארן פול מיט פרייד און איז אנגעקומען קיין בערלין, און ער נעמט זוכן זיין איידעם און ער האט זיך דערוואוסט וואו ער געפינט זיך און מען האט איהם געזאגט אז ער איז פלוצלינג געווארן קראנק און די דאקטוירים קענען נישט פעסטשטעלן וואס קרענק ער האט! איז ר' משה גלייך געגאנגען צום הויז פון איידעם וואס האט באלד דערקענט זיין שווער און ער האט איהם געגעבן שלום און האט זיך אנגערופן איך פריי זיך דיר צו זען ווייל יעצט האף איך אז איך וועל געזונט ווערן! ר' משה איז געווארן צומישט און פרעגט זיין איידעם "וואס איז דא געשען?" האט ער אים געענטפערט אז א פאר טעג צוריק איז געקומען צו אים אין חלום א איד און האט געזאגט אז ער איז דער גריידיצער צדיק און ער זאגט מיר "איך זאל שוין צוריקגיין צום מיין פרוי." איך האב געהאלטן אז עס איז א פוסטע חלום אבער ווען ער איז געקומען נאכאמאל האט ער מיר געווארנט אז איך וועל ווערן זייער קראנק און דיין שווער גייט קומען צו דיר און אויב דו וועסט גיין מיט אים וועסטו ווערן געזונט! האב איך פארשטאנען אז עס איז א אמת'ע חלום און יעצט אז איך זעע אז דו ביזט געקומען, מוז איך גיין מיט דיר! יעצט ווייסטו פארוואס איך האב געווארט אויף דיר. האט ר' משה געפרעגט צו ער וועט יעצט זיין א עהרליכער איד? האט דער איידעם געענטפערט: "יעצט זעה איך אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט און ער שיקט זיינע הייליגע צדיקים טאן זיין שליחות, איז אוודאי וועל איך זיך פירן ווי עס פאסט פאר א איד." ווען עס איז געווארן א פארבעסערונג אין זיין געזונט, זענען זיי צוריק אהיים געפארן. די שמחה איז געווען גרויס ביי ר' משה. און דער איידעם איז צוריקגעקומען צום לערנען און אויפגעשטעלט א אידישע שטוב. א צייט שפעטער זענען זיי געפארן צום גריידיצער צדיק און אים געדאנקט אויף די ישועה. האט דער צדיק געענטפערט מיט זיין עניוות "ער האט גארנישט געמאכט, אלעס איז אין זכות פון זיין הייליגע מנורה וואס האט באלאנגט צו זיינע זיידעס. נאר בזכות אבות!"

# די חנוכה ליכט האט געראטעוועט און צוריק געברענגט א נשמה

*ר' גד פלעגט פארן צוויי מאל א יאר צום הייליגן ריזינער זצוק"ל אויף שבועות און אויף חנוכה דאס איז די איינציגסטע מאל וואס ער האט געקענט אוועק גיין פון זיינע געשעפטן. און ער האט געשעפט חיות פון די נסיעות פאר א גאנץ יאר. איין יאר פאר חנוכה איז געווען שווערע שנייען און די משפחה האבן איהם נישט געלזאט פארן, אבער עס איז געקומען נענטער צו חנוכה האט ער געפילט אז ער מוז פארן און ער האט זיך אנגעטוהןווארימע בגדים און אסאך ברוינפן און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צום צדיק. אונטערוועגנס פלעגט ער איינשטיין ביי א איד וואס האט געהאט א קרעטשמע און דארט האט ער געצינדן די ערשטע ליכט און אויף מארגן איז ער שוין געווען ביים רבי'ן. דאס מאל צוליב די שווערע שניי איז ער ערשט אנגעקומען צום קרעטשמע נאך א האלבע נאכט, אבער דער בעל הקרעטשמע האט אים מקבל געווען בשמחה און מיט א ליכטיגע פנים, און ער האט איהם געוואלט מכבד זיין מיט שטיקל מזונות און א ווארעמע טרונק! אבער ר' גד האט נישט געוואלט טועם זיין פאר ער האט גדאוונט מעריב און געצינדן די חנוכה ליכט. נאכן צינדן און איבערבייסן האט זיך ר' גד זיך געלייגט אפרוען און איז אריין אין א טיפע שלאף, עס גייט נישט אריבער א שעה און ר' גד הערט שטארקע קלאפן אויפ'ן טיר פון די קרעטשמע און ער הערט ווי רויבערס האט זיך אריינגעבראכן און ר' גד הערט די שטימע פון די הויפט פון די רויבערס וואס זאגט אז מען זאל צובינדן די אלע מענטש אין קרעטשמע און צונעמען אלע געלט פון די מענטשן.*

*ר' גד נעמט מתפלל זיין און ער גיט א קוק אויף די ליכט וואס עס ברענט נאך אזוי שיין און זאגט א תפילה פארן באשעפער אז אזוי ווי ער האט געמאכט נסים לאבותינו זאל ער מאכן א נס פאר אים! און ער ווארט, עס געדויערט נישט לאנג, און זיין טיר עפענט זיך און די הויפט רויבער קומט אריין, און ביי ר' גד ציטערט די גאנצע גוף, ווייל ער טראכט ביי זיך עס שוין די לעצטע מינוט'ן, אבער פלוצלונג הערט ר' גד ווי דער הויבט רויבער שרייט אויס: גד! דאס ביסטו? און גד זאגט יא! די הויבט רויבער זאגט פאר גד בלייב רוהיג, דא איך גיי די גארנישט טוהן ווארט און איך קום באלד צוריק, און ער גייט צו די רויבערס און זאגט זיי אז מען זאל אפבינדן די אלע מענטשן און זיי צוריק געבן זייערע געלט! און זיי זאלן אהיים גיין און ער וועט באלט אונטערקומען, ר' גד ווערט אביסל בארוהיגט און פרובירט זיך צו דערמאנען פון וואנעט קען ער דעם הויבט רויבער? ביז ער דערמאנט זיך און שרייט אויס: איציק פעפער! און ביידע פאלן איינע אויף די אנדערע, ווייל די צוויי זענען געווען אמאל גאר נאנטע חברים אין די יונגע יארן, און נאך זייער חתונה האבן זיי זיך אפגעטיילט.*

*ר' גד גיט א שבח והודאה פאר'ן אויבערשטן אז די זכות פון די חנוכה ליכט האט אים געהאלפן. איציק דערציילט פאר ר' גד ווי אזוי ער איז געווארן די הויבט רויבער? זיין שווערהאט איהם גענומען ווייל ער איז געווען א גרויסע תלמיד חכם און די רויבער פלעגן קומען צו זיין שווער מיט שווערע שאלות ביי טיילן די גניבות! און זיין שווער פלעגט זיי שיקן צו מיר איך האב זיי געענטפערט צו זייער צופרידענהייט, ענדע האבן זיי געזאגט אז יעצט ווילן מיר אז דו זאלסט ווערן אונזער הויבט און אויב נישט וועט מען דיר מסר'ן, און ער געווארן זייער הויבט און האט זיי זייער אסאך געהאלפן, אבער יעצט די חנוכה ליכט האט עפעס אין מיר אנגעצונדן און ער האט חרטה און וויל תשובה טאן אויף זיינע עבירות! האט אים ר' גד געזאגט: מארגן פאר איך צום ריזינער צדיק, קום מיט מיר. האט איציק געזאגט איך האב מורא פון רבי'ן! זאגט אים ר' גד דארפסט נישט מורא האבן, און אזוי זענען ביידע געפארן צום הייליגן ריזינער, וואס האט איציק זייער מקרב געווען און געגעבן א דרך תשובה, און איציק איז געווארן א בעל תשובה און א גרויסע חסיד פון הייליגן ריזינער זיע"א.*

חנוכה תשע"ז "הוצא לאור ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק "עולם הספרים"